**גוט שבת אלע אידן.** עס איז געווען פאר חנוכה צייט תש"ה. די דייטשע רשעים ימ"ש זענען אריינגעקומען אין שטאט בודאפעסט. אפילו די מלחמה איז געגאנגען שווער פאר די דייטשען, האבן זיי אריינגעלייגט אלע כוחות אין אויסזוכן די אידן וועלכע זענען געבליבן אין אונגארן. יעצט לאמיר ליינען א מוראדיגע חנוכה מעשה וואס איז דערציילט געווארן דורך ר' משה האלצלער ע"ה.

ר' משה מיט זיין רביצן תחי' האבן זיך דעמאלט אין די טעג זיך פארשטעלט אין א מוראדיגע אופן. ד"ה, זיי האבן זיך פארשטעלט אלס א גויאישע מאן און פרוי. (צוליב דער ריכטיגער סכנת נפשות, האבן זיי געמעגט זיך פארשטעלן אלס גוים.) זיי האבן געארבעט אין א דרוקעריי וואס האט באלאנגט צו גלחים. זיי האבן געוואוינט אין א דירה נאנט צו דעם דרוקעריי. זיי האבן מזל געהאט אז אן אונגארישער גענעראל האט פארדינגען זיין שיינע דירה פאר זיי. נאר, דער בעל הבית האט איבערגעלאזט אין שטוב א גויטע כדי צו היטן זיין זאכן.

די גלחים מיט וועמען די האלצלערס האבן געארבעט זענען געווען פול מיט שמחה די טעג, ווייל זיי האבן זיך געפרייט צו זען ווי די דייטשע האבן גערודפט די אידן. כאטש די גלחים האבן אזוי שטארק פיינט געהאט אידן, האבן זיי קיינמאל נישט "חושד" געווען די האלצלערס אלס אידן. ר' משה מיט זיין רביצן זענען ארומגעגאנגען יענע טעג מיט תפילות אויף זייער ליפן אז זיי זאלן געראטעוועט ווערן פון דעם שווערן מצב.

יענע יאר איז די ערשטע נאכט חנוכה אויסגעפאלן זונטאג נאכט. זונטאג האט מען נישט געארבעט. ווען די זון האט זיך דערנענטערט אראפצוגיין, האבן די האלצלערס שטארק געוואלט צינדען חנוכה לעכט. זיי האבן אבער מורא געהאט אז די דייטשע וועלן זיי חאפן. אפילו אזוי, האבן זיי געטראכט וועגן א וועג צו קענען מקיים זיין די גרויסע מצוה פון חנוכה לעכט. זיי האבן געדארפט פארשיקן די גויטע, כדי צו קענען צינדען אין די דירה. פארשטייט זיך אז די גויטע האט געמיינט אז די האלצלערס זענען גוים. און אויב די גויטע וועט זיי ח"ו אנטפלעקן, וועט עס זיין זייער סוף. וועגן דעם האבן זיי געשיקט די גויטע צו א געשעפט צו קויפן פארשידענע זאכן וואס זיי האבן כאילו געדארפט.

ביי די שקיעה, האבן זיי אויפגעהאנגען סחורה אויף די פענסטער פון א קליינע שטוב אין די דירה און זיי האבן פארשפארט די טיר. עס איז געווען אינגאנצן פינסטער אין דעם קליינעם שטוב. ר' משה האט אנגעצינדן דעם שמש און דער שטוב איז געווארן פלוצלינג ליכטיג. דער אור הגנוז האט אריינגעשיינט אין זייער טינקעלן מציאות. ביים זאגן שהחיינו זענען זייערע אויגן אנגעפולט געווארן מיט טרערן. אוי! ווי זיי האבן זיך געבענקט אויף די פריעדיגע יארן ווען זיי האבן מיט גרויס שמחה פארברענגט חנוכה צוזאמען מיט די גאנצע משפחה. ליידער זענען רוב פון זייערע משפחות שוין געווען אין יענע וועלט, הי"ד.

ר' משה האט געזינגען "מעוז צור" שטילערהייט כדי די שכנים זאלן נישט הערן וואס טוט זיך ביי די האלצלערס אין שטוב. נאך 5 מינוט פון שמחה געמישט מיט פחד, האבן זיי אויסגעלאשן די לעכט, אראפגענומען די סחורה און געמאכט אזוי ווי גארנישט איז געשען. ווען די גויטע איז צוריקגעקומען, האט זי גארנישט באמערקט.

דעם נעקסטען טאג אינדערפרי זענען געקומען פלוצלינג צו דעם דרוקעריי די אונגארישע ארמיי ווייל זיי האבן געוואלט איבערקוקן יעדער איינערס פאפירען. ר' משה האט זיך געציטערט ווייל אפילו זיי וואלטן געגלייבט אז ער איז א גוי, וועלן זיי אים חושד זיין ווייל אלע מענער האבן ממילא געדארפט גיין אין מיליטער. נישט נאר דאס אבער מען האט אוועקגעשיקט אלע אידן פון שטאט שוין זעקס חדשים פריער. טאמער וואלטן זיי אנטפלעקט א איד וועט דער שטראף זיין מוראדיג הארב.

ר' משה איז געגאנגען צו זיין רביצן וואס האט געארבעט אין אן אנדערע צימער אין דעם דרוקעריי, און ער האט איר געהייסן שנעל אהיימגיין ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס וועט זיין מיט אים און ער האט געוואלט אז זי זאל האבן דעם געלעגענהייט צו אנטלויפן, אפילו אליינס.

באלד דערנאך האבן אלע מענער ארבעטער געדארפט שטייען אין א שורה. איינס נאך דעם אנדערען האבן אלע געדארפט וויזן זייערע פאפירען פאר דעם אפיסער. ער האט גענומען ר' משה'ס פאפירען און זיי איבערגעקוקט. מיט א ווארף האט ער עס צוריקגעגעבן צו אים, זאגענדיק "עס איז נישט גוט!" מיט א שארפקייט אין זיין שטימע. ר' משה האט געזאגט א תפילה צום אייבערשטען אז ער זאל געראטעוועט ווערן פון דעם געפערלעכן מצב, עס איז דאך געווען דעם צייט פון זאגן "שעשה נסים לאבותינו, בימים ההם בזמן הזה!" ער האט מתפלל געווען אז אין די זכות פון די חנוכה לעכט וואס ער האט געצינדן מיט מסירות נפש וועט דער באשעפער זיי העלפן איבערלעבן די מלחמה.

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון חנוכה. עס זענען אסאך מאמרי חז"ל און דברי חסידות, מיט מעשי צדיקים וואס רעדן וועגן דעם גדלות פון דעם יום טוב פון חנוכה. זאגט דער הייליגער רמב"ם "מצות נר חנוכה מצוה חביבה היא עד מאד." ד"ה די מצוה פון חנוכה לעכט איז גאר שטארק באליבט. (הלכות מגילה וחנוכה ד, יב) די ספרים הקדושים ברענגען אז אין יעדען יום טוב ווערן נתעורר די השפעות פון דעם געשעניש וואס האט גורם געווען דעם יום טוב. מיר דאנקען דעם אייבערשטען אינעם שטיקל "בימי מתתי'" אז מיט נסים האט ער אונז באשוצט קעגען די גוים. יעצט לאמיר ענדיגען ר' משה האלצלער'ס מוראדיגע מעשה, וואס ווייזט ווי ער איז זוכה געווען צו מקבל זיין די השפעות פון חנוכה.

ר' משה איז געשטאנען אין דעם עק פונעם שטוב, ווארטענדיק צו זען וואס דער אפיסער וועט אים טון, ווייל ר' משה האט אים געוויזן נישט גוטע פאפירען. ר' משה האט ארומגעקוקט דעם שטוב, זוכן א וועג ארויס פון דער סכנה. ער האט באמערקט א פאליצאנט. ר' משה האט געשפירט אז יענער פאליצאנט האט געוויזן אביסל סימפאטיע אויף זיין פנים.

ווען דער רשעותדיגער אפיסער איז ארויסגעגאנגען, האט ר' משה געזוכט זיין געלעגענהייט. יענער פאליצאנט האט אים געלאזט ארויסגיין. ר' משה איז געווען זיכער אז יענער פאליצאנט איז געווען אליהו הנביא! ר' משה איז שנעל געגאנגען צו אן אנדערען שטוב פון וואו ער איז ארויסגעקראכען דורך א פענסטער צום גאס. דאן איז ער שנעל געלאפן צו זיין דירה וואו ער האט געטראפן זיין רביצן, וואס פארשטייט זיך זי איז געווען מוראדיגע דערשראקן. צוזאמען זענען זיי אנטלאפן פון דער דירה, צו אן אנדערע דירה וואס זיי האבן אוועקגעשטעלט אין אן אנדערען חלק פונעם שטאט.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז די רוסען זענען באלד דערנאך אריינגעקומען צום שטאט, און זיי האבן זיך געקריגט מיט די דייטשע. במשך די קריגעריי איז געפאלן אויף זייער ערשטע דירה לעבן דעם קלויסטער א ריזיגע באמבע וואס האט אויסגעהרגט יעדען איינעם. דאס איז נאר געווען איינע פון נסים צו וואס די האלצלערס זענען זוכה געווען אין די שווערע טעג. דאן האט די מלחמה זיך געענדיגט, ב"ה. אלעס האט ר' משה ע"ה גערעכנט אין די זכות פון פינף מינוט פון די הייליגע חנוכה לעכט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן קענען באזיגן אלע פון די היינטיגע שונאי ישראל. **גוט שבת אלע אידן.**